העפטל 3 2 פענס

# פאַרוויאַנעטע טעג

א. נ. שטענצל.

שנת ה. תש״א. לאָנדאָן—ווייטשעפּל.

---

## צוויי הארבסט מאטיוון

1

אַז דער זוניקער זומער איצט איז אַזוי־אַ געווען,
ווי סמוטנע וועט גרויער האַרבסט ערשט זיין —
ס׳שאָרכט דאָס האַרץ מיט איינגעהאַלטן געוויין,
מיט וועלקעדיקן, מיט פאַרוויקלטן געשען, —

ווי אויסגעבלוטיקט בלייך, ווי פאַרמאַטערט מאַט!
אַז מיט גרינעם ציטער פון בוים און זון
האַרץ האָט נישט מיט אויפגעקנאָספּעט דערפון,
ווי פאַרשרומפּט עס ערשט מיט פאַרוויאַנעטן בלאַט.

מיט גרוי פון הימל ס׳פאַרטונקלט דער בליק,
פאַרלעשט זיך מיט ווינט־געבלאָז דורך שפּאַרע און שפּאַלט!
און מיט יעדן שאָרך וואָס וויאַנעט און פאַלט
פאַרשווינדט דאָס מינדסטע, דאָס לעצטע ביסל גליק.

2

נישט נאָר די בלעטער רייסט ער פאַרוויאַנעט אַראָפּ,
צו צעיאָגן זיי אין ווירבלדיקן געשווינדט —
דעם צייטיקן זוימען צעטראָגט מיט זיך דער ווינט,
צוריקצוגעבן דער ערד צען־פאַך איר גאָב.

און ווען נישט מיט הייזעריקן געקראַ די קראָ,
נאָכן אַקער־אייזן מיט אכזריותדיקן געאייל,
ס׳וואָלט נישט געבליבן פון פאַרזיי קיין צענטל־טייל —
די שפּערלען נאָכלויפנדיק נאָך פערדישן טלאָ,

וואָלטן אַרויסגעפּיקט דעם גאַנצן פאַרזיי!
נישט נאָר פון די בוימער וויאַנען בלעטער אַראָפּ,
פון פאַרוועלקטן הימל פאַלט עס טראָפּ נאָך טראָפּ,
דעם אַקער פון שלענגל־געראַי צו מאַכן פריי.

## סוף-זומער-פעדעם

(צוויי סאָנעטן)

1

. . . דאָס זיינען נישט קיין שטאַכל־דראָטן
זשאַווערדיק־בלוטיק, ראָסטיק פאַרצויגן —
סוף־זומער־פעדעם קומען־אָן געפלויגן,
צעשימערטע מיט זון און מיט שאָטן,

צעפלימערטע מיט מיקן און מיט מאָטן.
נישט טרערן הענגען שטעכיק אין די אויגן —
ראָסע־טראָפּן מאַט־פינקלדיק אויפגעצויגן,
און פערלדיק אַזוי צו ווערן צעשאָטן.

און פון שטאַם צו שטאַם אין לעצטן גריך,
מיט איר קינציק, מיט איר אַהער און אַהין
ציט אַ שפּין דאָס, אירע שפּין־געוועבן,

לויערנדיק מיט כיטרע און מיט טריק,
אויף אַ צעטומלטע מאָטע, אַ מיק — — —
אָ, דאָס בלוטיק פאַרפּלאָנטערטע לעבן!

2

פון עפּעס פאַרבאָרגענע אַזעלכע קנוילן
וויקלען זיך די פעדעם פון בוים צו בוים,
אַזוי זיידן־דין, צו דערבליקן זיי קוים,
אין יעדן שימער־געפלימער צו פאַרהוילן,

פאַרשלונגען צו ווערן פון יעדן ווינדיקן הוילן.
אַזאַ גרויסע קנויל איבער גאַנצן ברייטן רוים
וויקלט זיך גרוילעך דער הימל פון זוים צו זוים,
צו פאַרפּלאָנטערן די וועלט מיט טויזנט גרוילן.

ניין, ס'זיינען נישט קיין סוף־זומער־פעדעם דאָס,
צעריסן צו ווערן פון מינדסטן ווינטל־געבלאָז —
ס'איז גאַנצע ערד איצט שטעכל־דראָט געוויקל,

בלוטיק פאַרצויגן אַזוי פון שטאָט צו שטאָט;
און יעדער פון אונז — צעטומלטע מיק און מאָט,
מיט פּראָפּעלער געפלאַטער צעפלימערטן־ניקל . . .



## א סעפּטעמבער-טאָג 1940

1

דער וווּנדערליכער, דער בלויער סעפּטעמבער טאָג,
ווי אַ באַלאָן אויף אַ שנירל קאָן ער אויפפליען;
אַ זייפן־בלאָז, אַ שימערנדיקע, צעשפּיגלט,
אַזאַ סוף־זומער־טאָג אין מיגניעדיקן אויפגליען.

די מאַטע קלאָרקייט פון אַזאַ פאַרזילבערטן הימל,
נישט צו דערכאַפּן מיטן בליק דעם ווייטן בויגן!
און זיינען נישט די שוץ־באַלאָנען אויבן
אַזעלכע בלייך־בלויע טעג ווּנדערלעך אויפגעפלויגן?

אָ, די אויפגעציטערטע פרייד פון אַ טאָג אַזאַ,
אַ טויאיק־צעשפּיגלטער אין טויזנט טרערן,
און דאָס רייסנדיקע האַרץ אָן־אויפהער,
ווי אויפגעצויגן אויף אַ שנירל ס'וויל ווערן —

אַ באַלאָן צו צעשפּילן אין שללן פון קאָלירן,
ווּנדערלעך אויפגעציטערט אין פריידיקע בליקן,
און יעדער טראָפּן בלוט בלוילעך צו פאַרשוועבן,
מיגניעדיק אויפגעגליט, אין געפּלעמל פון בליקן.

אָ, דער פאַרשלייערטער טרויער אין אַ טאָג אַזאַ,
מיט יעדן מינדסטן ווינדל־בלאָז אָפּגעדעקט צו ווערן!
און דאָס האַרץ הענגט אויפגעציטערט איבער אים,
אַ שוץ־באַלאָן אַזאַ אַראָפּגעשאָסן צו ווערן.

2

די בלוילעך באַהויכטע סעפּטעמבער הימלען,
מיט די צעשוווּמענע וואָלקנדלעך זילבריק באַזוימטע, —
איבער מאַטן בלייך פון טייכן, טויבן אַזעלכע,
זוניק צעפּלאָשעטע, פּוכיק צעשוימטע.

דאָס הענגענדיק־נעפּלדיקע, דאָס דורכזיכטיקע,
לייכט געצויגן אַזוי מיט אַ פּענזל פון טערנער *);
נאָר די סוף־זומער־זון, אַ בולטע בלייכע,
אַ בלעכענע שיסל אַזאַ פול מיט ווייצן־קערנער.

פלאַטערן זיי אַרום, די קרייזנדיקע באָמבערס, —
טשאַטעס טויבן, געיאָגטע, מיט קנאַלן פון בייטשן;
פון די בלעכענע שיסל אַרויס, פון דער פולער,
כאַפּנדיק אַרויסצופּיקן אַ זשאַרנעלע־ווייצן.

---

*) באַרימטער ענגלישער מאָלער.

קונציק־קרייזנדיק, צעבלענדט, צערענדערט,
שאָטנדיק אַזוי אויפצולייכטן נאָך העלער,
אָט־אָ דערגרייכן זיי, אָט־אָ צעפּיקן זיי
מיט די שנאָבלדיקע צעבלענדטע פּראָפּעלער.

און אַז באָמבע פאַלט אַראָפּ אין טויזנט שפּליטער,
פון דעם באַהויכטן סעפּטעמבערדיקן צעשפּיגלטן אויבן, —
ס׳פאַלט דאָך אויך פּלוצלינג עפּעס אויף קאָפּ אַמאָל אַראָפּ,
פון אַזאַ קרייזנדיקע טשאַטע סוף־זומער טויבן . . .

3

אָ, טעג אַזעלכע מאַטע — פּערל געלעכערטע ! —
אויף רויטע פּורפּור שנירלעך אויפגעצויגן,
אַזעלכע אויסגעלאָשענע, רויט־באַרענדערטע,
ווי אונזערע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן.

אַזעלכע ווונדערליכע טעג צעפלאַטערטע —
טויבן־רענדער צום הימל זיך שרויפן !
דאָס טעלערל פון הימל פול איז מיט קערנער,
און אַוועקגעשטעלט איז עס איבער אַלע הויפן.

פליט נישט אָן אַ שפּאַרבער מיט פינסטערע פליגל
די זון מיט זיין ברייטן פלאַטער צו פאַרשטעלן ??
בלוטיקע פעדערלעך פון צעריסן טייבעלע —
סעפּטעמבערדיקער זון־פאַרגיי פאַר אַלע שוועלן ?

אַזעלכע ווונדערלעך אויפגעגאַנגענע טעג —
אויסגעבלוטיקט בלייכע רויזן אין שפּעטן צעבליען,
און די זומער־פייגעלעך פלאַטערן אַרום זיי
דעם לעצטן טראָפּן בלוט נאָך אַרויסצוציען ;

ווי זיי הענגען דאָס ווייך אַזוי, שוין אויסצוקנאַלן —
ווייסע „קנאַל־ניסלעך“ אויף פאַרוויאַנעטע צוימען,
אייליק פון פייגל אַראָפּגעפּיקט צו ווערן,
זייער אַוועקפליענדיקע סטאַיע נישט צו פאַרזוימען.

4

דאָס טיולענע־זיידענע, מאָרענע־צעשימערטע,
אָ, די פאַרבן־שפע פון די סוף־זומער בייטן !
אַ טומלדיקע בין, אין אַ שפּעט־געעפנטער בלום,
מיין האַרץ אין דעם אָפענעם ליכטיקן ווייטן.

און איז זון נישט אַזאַ רויטלעך־בלאַסע רויז
און די צעזומטע פליערס אַרום — זי אויסצוזויגן ? !



ס׳איז אונזער וועלט אַ צעטומלטער בינען־קאָרב,
ווו מענטשליכע מי — אין וואַקס און האָניק צעוויגן.

ווי ס׳שפּינט דאָס אַ שפּין צווישן בלום און בלום
אַ פליגעלע, אַ ווערעמל אַריינצוקריגן — —
און איז עס נישט אונזער גאַנצער געדאַנקן־געשפּין
מיט געווינען, מיט איינער דעם אַנדערן צו באַזיגן ?

רעגן־ווערעמלעך פאַר פייגל אויפצופּיקן
זיינען מיר מיט אַלע אונזערע ווערטער און זאַכן — — —
אָבער אין אַזאַ טאָג, אַזאַ ווונדערלעך־הערלעכן,
אַלע באָמבעס וועלן קיין איין לעכל אין אים נישט מאַכן !

דאָס טוליענע־זיידענע, מאָרענע־צעשימערטע
די פאַרבן־שפע פון די סוף־זומער בייטן — —
און אַזאַ צעבלאָזענע בלום פון שטענגל אַראָפּ —
אַ צעפלויגענער ערדראָם אין אַלע אייביקייטן !

5

די שפע פון אַזאַ בלויען סעפּטעמבער־טאָג,
אויסגעגאָסן אויף אַלצדינג מיט טויזנט פריידן ;
מיט שוואַלבן־פליגעלעך פאַרן אָפּפליען,
די לופט אַזוי פריידיק צעפּאָכעט, אַזוי זיידן.

ווי דורכזעעוודיק דין, ווי אָטעמדיק באַהויכט,
אויף יעדן וואָלקנדל מיט־אַוועקצושוועבן !
צו פאַרשווימען, צו פאַרווישן, גאַנץ אויפצוהערן,
אַזוי טוליענדיק זיך, גאַנץ זיך אַוועקצוגעבן.

יעדער בוים אַ טיולענדיק פאַרשליירטער,
אין סוף־זומער פעדעם, אין בראָקאַטענע שטראַלן ;
עס איז די זון די אויפגעוויקלטע קנויל,
אינמיטן העפטן פון הענט אַרויסצופאַלן.

און דאָס פאַרשכורטע אויפטאַנצן פון די בלעטלעך,
פאַרפלאָנטערט שוין אין שלעף פון פערוויאַנען — —
אַ טויטן־טאַנץ, אַ צעכאָרכלט־צעשאָרכטער,
מיט דער זון נאָך איידער זי איז פאַרגאַנגען.

די פרייד פון אַזאַ ווייך צעפלאַטערטן טויבן־טאָג,
און ווען ער זאָל זיין אַן אויסגעבלוטיקט לעצטער !
צעפלאָשעט נישט אַ פויגל פאַרביקער נאָך זיינע פליגל,
פליענדיק אַזוי פונם יעגער אַ געהעצטער ?

## אקטאבער-לידער 1940

### פאַרוויאַנעטע טעג

מיט אַלע זייערע בלעטער בלוטיקן די וועלדער,
מיטן געטריף פון אונזערע אָפענע ווונדן;
ווי די אַקערס וואָלטן איבער אונז גאָר געגאַנגען,
זיינען אונזערע לייבער צעריסן און צעשונדן.

ווי שווער ס׳הענגען דאָס די הימלען איבער אונז,
יעטווידע רגע אַצינד צוזאַמענצוברעכן;
אָקטאָבער־ווינטן אינם וויאַנעדיק געשאָרך —
פאַר גסיסה דאָס כאָרכלדיקע דעכן.

די גרויע פייגל צוצעפיקן די פגרים,
טאָג און נאַכט זיי הערן נישט אויף אָנצופליען;
פינסטערע מיטות טונקל געהילטע,
די שוואַרצע כמאַרעס וואָס האַלטן אין איין ציען.

קאָן איין האַרבסט דען אויסווישן אונזערע פיינען?
אָדער ווער ווייסט וויפיל האַרבסטן ס׳וועט נאָך דויערן?
אַלעמענס אויגן פולע מיט וואַרטן און טרערן,
און ס׳האַרץ פון יעדן מענטש — מיט אַזויפיל טרויערן.

### פלאַטאַנען

די פלאַטאַנען מיט זייערע אָפגעשיילטע שטאַמען,
ס׳געבלעטער איבער זיי צעריסן און צעשליסן —
זשעראַפעס מרה־שחורהדיקע, פאַרלאָזענע,
דעם וועג צו זייער היים נישט מער צו וויסן.

שטייען זיי אינם אומעט פון טונקלע גאַסן,
די שלאַנק־צעשטרעקטע העלזער אַראָפגעבויגן,
די סמוטנע שוואַרץ־אַפּלען טיף אין די לעכער
איינע די אַנדערע נישט צו קוקן אין די אויגן —

זיינען די היימישע פייגל נאָך דאָ געוועזן
ס׳איז געוועזן היימלעך אַזוי מיט זייער זינגען!
אַצינד שטייען מיר עלענדע, פאַרלאָזענע,
פון טרויעריקייט פון דער הויט כאָטש צושפרינגען.

און גייט דער ווינט הייזעריק צווישן די שטאַמען,
זייערע אייגענע שטימען מיינען זיי צו הערן!
פון אַמאָל, פון די פרייע, פון די זוניקע פלעצער,
און, בענקענדיקע, זיי באַגיסן זיך מיט טרערן — — —



### סאָלאָווייען

אַנדערש וועלן זיי צוריקקומען די פייגל
הייאָר אין זייערע היימיש־ווייטע לענדער,
און עפּעס וועט זיין אין זייער געטשוויטשער,
אַזאַ שרעקלעך־אויסטערליש פאַרענדער — —

זייערע טריפנדיקע טרעלן וועלן זיין,
ווי אָנגעזאַפּטע מיט טרערן און שווערער,
און אַזאַ שניט וועט זיין אין יעדן טשוויטש,
אַז אויסגיין וועט דאָס האַרץ פונם הערער —

מיט אויפגעריסענעם בליק וועט קוקן דער לייב,
די עגדישן וועלן זיך קנייטשן אין דרייען!
און איבער זייערע אייגענע שטימען אַליין
ס׳וועלן זיך וווּנדערן די סאָלאָווייען:

עפּעס האָבן זיי געהערט אַזעלכע קולות
אין יענע ערטער אַצינד פון ווו זיי קומען — —
אָ, דעם אָפּגעהאַקטן אויסטערלישן כאָרכל
אין זייערע טענער זיי האָבן אים אויפגענומען —

— — — — — — — — — —

### וויאַנענדיקע וועלדער

ווי ווונדערלעך זיינען וועלדער ווען זיי וויאַנען —
העלדן וואָס בלוטיקן פון טויזנט ווונדן!
נישט שפּירנדיק אָבער, צומאָל נישט וויסנדיק,
איז דערפאַר קיין איינע פון זיי נישט פאַרבונדן.

און די טרוקענע וועלק־בלעטער ווען זיי פאַלן —
די אַראָפּפאַלנדיקע גרינדלעך פון די שראַמען!
און ווי שווער מיט כמאַרעס די הימלען זאָלן נישט זיין,
זיי שפּאַרן אים אונטער מיט זייערע שטאַמען —

ווי געוואַלטיק, ווי פעסט זיי שטייען דאָס אַזוי,
אויפצומאַרשירן אין רייען נאָך רייען!
נאָך אונטערגעהאַקטע, מיט געבליבענע וואָרצלען
פאַרשווייגן זיי אין די טיפעניש זייערע ווייען — — —

און איז די ערד איצט נישט, אין די שטאַכל־דראָטן,
אין די געגראָבענע נאָרעס טיף באַהאַלטן,
אַזאַ איינגעקאָרטשעטער שטעכיקער וואַלד־יאָרזש,
דעם קומענדיקן ווינטער אויסצוהאַלטן?

# הארבסט-מאטיוו

נישט נאָר דער דעמב טוט דעם האַרבסט איבערפּרילינגען,
נאָר יעדער קזשאַק שלאָגט וואָרצלען אונטערן שניי,
און דאָס קליינסטע גרעזל, ס׳מינדסטע בלימל
לעבט זיך איבער מיט זיין אייגענעם פּאַרזיי . . .

פּונקט ווי ליכטיק ס׳טוט אויפקנאָספּען דער זוימען,
מיט דעם וואונדערליכן, דעם שמעקעדיקן צוויט,
אַזוי־אָ דעם האַרבסט־שווידער איבערצוקומען,
מיט וויאַנען־גערינצל און דעם בלעטער־געשיט.

די האַרטע דיקע שאָל איבער צאַרטער יאָדרע,
צו באַשיצן ביז מיט פרישן צוויט זי פּלאַצט ווידער אויף,
אַזוי־אָ איז די ליבע אין אונז באַשיצט און באַהיט,
ביז צו פינסטערער שנאה ס׳וועט נעמען אַ סוף.

דאָס וואונדער פון אַן אויפקנאָספּנדיקן זוימען,
מיט וואָסער כוחות געפּולט — אַדורכצוברעכן די ערד!
ווער ווייסט דעראיבער די שיינקייט וואָס וועט ליכטיקן
פון לעבן איצט אויפגעבראָכן אַזוי און אַזוי צעשטערט.

ס׳איז אונזער לעבן, אונזער שאָרכנדיק׳ס אַצינד,
שטאַרבנדיק געראָיע, וויאַנענדיק בלעטער־געשיט,
מיט שאָלן אַזעלכע האַרטע און כוחות אַזוינע —
מיט שטאָל פון באָמבעס, מיט אויפרייס פון דינאַמיט!

די נערנדיקע יאָדרע, אָבער די ווייסע, צאַרטע,
ליכטיק צו אייביקן אַזוי באַשיצט און באַהיט
נישט נאָר דעמב, נישט נאָר קזשאַק, נישט נאָר בלום
אויך לעבן גייט ווידער אויף וואונדערלעך צעבליט.

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.